# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת פנחס תשפ"ד שנה י | גליון מס' 543



ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### די תפילה ווערט נתקבל בזכות מסירות נפש

**"פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי"** (כה יא)

אז מען קוקט אריין אין דער לשון הפסוק זעט מען אז די מגיפה האט זיך אפגעשטעלט בזכות פון די מעשה הקנאות פון פנחס אבער ווען מען קוקט אריין אין תהלים טרעפן מיר אן אנדערע דערהער וואס האט אפגעשטעלט די מגיפה. אין תהילים (קו ל) ליינט זיך די פסוק ווי פאלגענד: "וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה", פון דעם איז קלאר משמע אז די מגיפה האט זיך אפגעשטעלט בזכות פון די תפילות פון פנחס.

לכאורה זענען די צוויי פסוקים א סתירה?

נאר געט **רבי יוסף דוד מסלוניקי** צו פארשטיין:

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (כ א) אז רב פפא האט געפרעגט פאר אביי: פארוואס האבן אמאליגע צדיקים מיט זייערע תפילות געמאכט ניסים און ביי אונז ווען עס געשעט א צרה, אפילו אז מען דאווענט און דאווענט זעט מען נישט די ישועה? האט אים אביי געזאגט: אז די פריערדיגע האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש ה' און וועגן דעם האט זיי הקב"ה געוויזן ניסים, היינט איז נישט דא די שטארקע מסירות נפש פון אמאל, זעט מען נישט קיין ניסים ביי די תפילות.

מיט דעם מהלך איז פארענטפערט די צוויי פסוקים, ווייל ביידע שטימען זייער גוט. עס איז אמת אז פנחס האט מתפלל געווען אבער וואס האט גורם געווען אז די תפילה פון פנחס זאל נתקבל ווערן? די מסירות נפש וואס ער האט ארויסגעוויזן ביי די מעשה הקנאות.

מיט דער געדאנק פארשטייט מען אויך דער לשון אין תהלים "וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל". עס וואלט געדארפט שטיין "ויתפלל" נאר ווייל די זכות פון קידוש השם האט גורם געווען אז ער זאל נישט דארפן דאווענען א תפילה שלימה, נאר מיט אביסל תפילה האט ער שוין גע'פועל'ט און איז גלייך נענה געווארן.

'צמח דוד'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### מיר דערלאנגען פאר'ן בורא כל העולמים שלימות'דיגע מתנה'ס

עס דערציילט מיר א איד איבער די ערשיינונג וואס ער האט מיטגעהאלטן מיט זיינע אייגענע אויגן.

די געשעעניש האט זיך אפגעשפילט אין איינס פון די שולן אין ירושלים עיה"ק. א איד איז צוגעקומען צו א צווייטן איד און געבעטן צי ער קען אים מוציא זיין מיט די ברכת השחר.

דער איד, נישט וויסנדיג, אז ער וויל בלויז הערן אמן, איז געווען זיכער אז דער איד איז נישט געשלאפן ביינאכט און וועגן דעם בעט ער אז ער וויל הערן די ברכות.

ווי עס גייט אלעמאל אין אזא פאל האט ער געזאגט די ברכות פאמעליך, בקול רם.

דער איד ענדיגט די ברכות און ער זעט ווי ווען ער ענדיגט הייבט דער צווייטער איד אן זאגן די ברכות.

נישט פארשטיינדיג וואס דא גייט פאר, זייענדיג זיכער אז ער האט נאר געוואלט יוצא זיין די ברכות ווייל ער איז נישט געשלאפן ביינאכט, האט ער זיך געוואונדערט פארוואס דער איד האט אים מטריח געווען ווען ער מאכט יא די ברכות.

ווען ער האט געענדיגט די ברכות האט ער אים געצימבלט וועלנדיג וויסן וואס גייט דא פאר?

"זייער פשוט, איך האב געזען ווי דו גייסט מאכן די ברכה'ס און געוואלט אז דיינע ברכות זאלן זיין בשלימות".

דאס איז דער שליסל צו אלעס. ווען מיר ענטפערן אמן אויף יענעמ'ס ברכה, אויסער וואס מען כאפט אריין אמנ'ס איז מען אויך מזכה דעם צווייטן אז זיין ברכה זאל זיין בשלימות.

נאך מער ווי דעם. דער זוהר הק' שרייבט (עקב רעא א) אז פאר א ברכה מיט אן אמן ווערט געעפענט די שערי שמים, עס איז עולה ביז צו די כסא הכבוד און דארט אויבן רופט מען אויס אז דער און דער האט געברענגט א מתנה פאר'ן מלך.

אזוי גרויס איז די ברכה מיט אן אמן.

בדרך רמז קען מען זאגן אז די בחינה איז מרומז אין דער פסוק אין מלאכי (ו טז): "אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע".

דער יראי ה' מאכט דאך א שלימות'דיגע ברכה און די ברכה איז 'איש אל רעהו' און אויף אזא ברכה ווערט מקויים דער המשך הפסוק "ויקשב ה' וישמע" אז עס קומט אן ביז צו די כסא הכבוד.

עס קען זיין אז דאס איז נאך א טעם צו די מאמר חז"ל פון רבי יוסי אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (ברכות נג ב).

ווען מ'מאכט א חשבון איז דער מברך ממלא זיין חובה, ווידער דער וואס ענטפערט אמן איז אויסער וואס ער איז משלים זיין פערזענליכע חובה, אויך משלים די ברכה פון דער מברך - ער כאפט אריין צוויי מצות און וועגן איז זיין חלק גרעסער.

מיר דארפן וויסן אז אפילו אויב דער וואס מאכט די ברכה זעט נישט אויס באזארגט פון דעם אז זיין ברכה איז נישט בשלימות איז עס נאך אלץ אונזער פליכט צו זאגן אמן נאל זיינע ברכות, ווייל מיט דעם מאכן מיר א נחת רוח פאר'ן בורא כל העולמים.

ווי גרויס איז די זכות פון די אידן און די זכותים פון די גבאים וואס פעדערן זיך און קומען פרי אין שול אריין צו זאגן אמן. אדאנק זיי גייען ארויף צענדליגע טויזנטע ברכות למעלה און זענען מער שלימות'דיגע.

עס איז זיכער אז דאס פארמערט זכותים און איז ממשיך אומצאליגע השפעות אויף זיי און אויף גאנץ כלל ישראל.

**מיט א קריאה פון "אז נדברו יראי ה'"!**
**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די תפילה פון דער ראדזימיניער רבי —

פאר לאנגע יארן איז גרויסע טיילן פון די פוילישע שטעט געווען אונטערגעווארפן אונטער די רוסישע אימפעריע.

די רוסן זענען געווען שטייפע פירער און צואגב צו די הויכע שטייערן וואס זיי האבן ארויפגעלייגט אויף די אידן איז אויך מיטגעקומען די גזירת גיוס, זיי האבן געפאדערט אז די אידן זאלן קומען דינען אין די רוסישע מיליטער.

דער דינען אין מיליטער איז געווען געבינדן מיט צרות ברוחניות ובגשמיות. אויסער וואס עס איז געווען פארבינדן מיט שוועריגקייטן אין היטן שבת, אדער כשרות, אדער אנדערע מצוות, איז עס אויך געווען א סכנה'דיגע פלאץ.

די רוסן האבן געפירט מערערע מלחמה'ס און די שלאכטן אויפ'ן פראנט זענען געווען מורא'דיג מסוכן און דאס איז געווען אויסער דער פאקט אז די משפחה איז געבליבן אן קיין שפייזער, עס איז נישט געווען ווער זאל אריינברענגען געלט אין שטוב.

עס איז געווען אין יענע יארן האט א חשובער יונגערמאן פון די שטאט סוכטשוב, ר' חיים פליסער, באקומען אן איינלאדונג פון די מיליטערישע ביורא אז ער זאל זיך קומען שטעלן אין מיליטער.

ר' חיים איז געווען באקאנט איבעראל, אין זיין אומגעגענט האט מען אים געקענט אלץ א ירא שמים, א מתמיד, פאר פרנסה האט זיך ר' חיים אפגעגעבן מיט סופרות, ער פלעגט שרייבן תפילין, מזוזות, ספרי תורה.

א גוטער נאמען האט ר' חיים געהאט און אלע האבן געוואלט האבן זיינע תפילין'ס אדער מזוזות.

אויך ר' חיים איז מערערע מאל גערופן געווארן אין די מיליטער אבער די מזל האט אים צוגעשפילט. א שוואכער פון נאטור אויס איז ער געווען און יעדע יאר ווען ער האט זיך געשטעלט האט מען אים פארשיקט פון די מיליטער זאגנדיג אז ער איז נישט פעהאיג צו דינען אין מיליטער.

דער סדר איז געווען אז די מיליטערישע דינסט איז געווען פון די צוואנציג יאר ביז צו די דרייסיג יאר. איינמאל מען איז אריבער די דרייסיג יאר, פלעגט מען מער נישט אריינרופן אין מיליטער.

א יאר נאך א יאר האט ער באקומען א באפעל זיך צו שטעלן אין די מיליטערישע ביורא'ען אבער מען האט אים פארשיקט, אויך ביי די דרייסיג'סטע יאר האט ער באקומען אן איינלאדונג זיך צו שטעלן. ווייסנדיג פון די פריערדיגע יארן אז נארמאל דריידט ער זיך ארויס און גלייבנדיג אז ער שטייט שוין אין די דרייסיג'סטע יאר וועט מען אים מער נישט מאבליזירן האט ער זיך געשטעלט אין די ביורא, אבער צו זיין אנטוישונג, האט מען אים דאסמאל איינגעמאלדן אז ער מוז זיך שטעלן אין מיליטער.

נישט נאר האט מען אים געהייסן זיך שטעלן אין מיליטער נאר מען האט אים אויך אגעזאגט וואו ער דארף זיך שטעלן און אז ער דארף גיין צו די ווייטע באזע אין די שטאט אירטאסק, אין די ווייטע סיביר.

די ידיעה האט שאקירט ר' חיים און זיין משפחה. באזארגטע פון די גורל זענען זיי אריבערגעלאפן צום שטוב פון דער ראדזמיניער רבי הגה"ק יעקב אריה זי"ע און פארגעלייגט די צרה פאר'ן רבי'ן.

דער רבי האט זיי געהייסן צו אפעלירן די פסק דין אין א העכערע געריכט און דערווייל זאל מען אפהאלטן די פארערי' קיין סיביר.

נישט אזוי גרינג איז אנגעקומען פאר די משפחה צו אפעלירן די אורטייל, די רוסישע מיליטער האט נישט געגליכנעט אז מען אפעלירט אן אורטייל אבער נאך שווערע און מאסיווע שתדלנות איז זיי געלעגן צו אפעלירן דער אורטייל און א געריכט האט געדארפט פארקומען אין די שכינות'דיגע שטאט פלאצק.

די משפחה האט דערלאנגט דער אורטייל אבער ביי זיך האבן זיי געוואוסט אז די שאנסען אז די אפעלאט זאל זיך ענדיגן גינסטיג פאר זיי זענען זייער שוואך.

א בעסערע אויסוועג איז געווען צו מאכן פליטה פון דאס לאנד און זיך גיין באזעצן אין א צווייטע לאנד, וואו עס לאקערט נישט דער יאך פון מיליטערישע דינסט.

דער אנטלויפן האט אויסגעזען א ראטזאמע אויסוועג ארויס פון מיליטער אבער עס איז געווען פארבינדן מיט אסאך שוועריגקייטן און איידער ר' חיים האט אונטערגענומען אזא שריט האט ער געוואלט הערן וואס זיין רבי האט צו זאגן וועגן דעם.



די באן סטאנציע אין די שטאט ראדזימין אין פוילן

זיך גרייטנדיג אויף אזא רייזע האט ר' חיים געוואלט קומען גרייט צום רבי'ן. ווייסנדיג אז דער רבי האט אין יענער צייט באנייעט א נייער צימער האט ער זיך געזעצט אפשרייבן א הערליכע מזוזה פאר'ן רבי'ן. אנקומענדיג קיין ראדזימין איז ער אריין צום רבי'ן און אים געצייגט די מזוזה.

א לענגערע צייט האט דער רבי מעיין געווען אין די מזוזה. ער האט עס איבערגעקוקט און נאך דעם וואס עס האט אים געפאלן זענען זיי איניינעם אריבער צו די נייע צימער. מען האט געמאכט א ברכה און ר' חיים האט געענטפערט אמן און מען האט קובע געווען די מזוזה.

די מזוזה איז שוין געווען אויפ'ן טיר, ר' חיים האט שוין מהנה געווען דעם רבי'ן און יעצט האט ער ארויסגענומען די קוויטעל פון טאש און עס דערלאנגט פאר'ן רבי'ן.

"פארוואס זאל א איד ווי דיר אנטלויפן?".

ר' חיים האט אראפגעלייגט דער מצב און אז זיין משפחה איז איבערגעצייגט אז כרגע איז דאס די איינציגסטע וועג, אבער דער רבי האט עס נישט געוואלט הערן.

א צוקאכטער האט זיך דער רבי' אנגעהויבן ארומדרייען אין צימער, ער איז שטיין געבליבן נעבן פענסטער און מיט א התלהבות האט ער זיך אנגערופן" רבונו של עולם, אב הרחמים, האב רחמנות אויף חיים זאב בן טשארנא חוה, ער זאל ניצול ווערן פון די שווערע גזירה, זאל די זכות פון די הייליגע מזוזה און די אותיות אים באגלייטן אין זיינע וועגן אז ער באפרייט ווערן פון די מיליטער".

א לענגערע צייט האט דער רבי' מתפלל געווען פאר אים. נאכ'ן ענדיגן די תפילה האט ער זיך געוואנדן צום סופר און אים גע'עצ'ט צו פארן צו די געריכטהויז וואו עס גייט פארקומען די געריכט איבער אים, אבער איידער ער גייט אריין אין די געריכטהויז זאל ער זאגן דריי מאל די פאלגענדע פסוק אין ישעיה (כט כג-כד): 'וְהָיוּ מְלָכִים אֹמְנַיִךְ וְשָׂרוֹתֵיהֶם מֵינִיקֹתַיִךְ אַפַּיִם אֶרֶץ יִשְׁתַּחֲווּ לָךְ וַעֲפַר רַגְלַיִךְ יְלַחֵכוּ וְיָדַעַתְּ כִּי אֲנִי ה' אֲשֶׁר לֹא יֵבֹשׁוּ קֹוָי: הֲיֻקַּח מִגִּבּוֹר מַלְקוֹחַ וְאִם שְׁבִי צַדִּיק יִמָּלֵט'. און וועגן דו שטייסט פאר זיי זאלסטו זיי זאגן אז דער זכות פון די ראדזימיניער רבי יעקב אריה בן בונא וועט מיר באשטיין אז איך זאל ניצול ווערן פון אלע שלעכטע זאכן.

דער רבי האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויפ'ן קאפ פון ר' חיים און אים געבענטש.

א צופרידענער און פול מיט אמונת צדיקים אז ער גייט ניצול ווערן פון די גזירה איז ר' חיים ארויס פון רבי'נ'ס שטוב. אין דעם טאג ווען דער געריכט האט געדארפט פארקומען איז ער אריבערגעפארן קיין פלאצק און זיך געגרייט צו שטעלן פארן געריכט.

נאך איידער ער איז אריין אין געריכטזאל האבן אים די ארטיגע אידן געווארענט אז דאסמאל זענען די ריכטער זייער הארטנעקיג און געבן נישט נאך פאר קיין איינעם און אז עס איז דא א קלארע באפעל אז ווער עס האט דערלאנגט אן אפעלאט און קען עס נישט באקומען זאל פארשיקט ווערן קיין סיביר.

די אנדערע אידן האבן זיך דערשראקן אבער ר' חיים האט זיך געהאלטן ביי זיין אמונה. מיט א שטארקקייט איז ער אריין אין זאל. ווען עס איז אנגעקומען זיין רייע און פארגעלייגט זיין נאמען זענען אלע ריכטער געווען איינ'יג אז ער דארף זיך שטעלן אין מיליטער.

ממש אין די לעצטע מינוט האט זיך דער ריכטער געגעבן א רוף אן צי ר' חיים אויב ער איז געזונט.

"איך שפיר א שוואכקייט אין מיין הארץ". האט זיך ר' חיים אנגערופן.

"לאמיר מאכן א פראבע". האט דער ריכטער פארגעשלאגן.

"לאמיר זען צי דו קענסט לויפן ארום און ארום דעם געריכט זאל".

ר' חיים האט אנגעהויבן ארומצולויפן און לויט זיין אטעם האט דער ריכטער באשטעטיגט אז ער איז נישט פעהאיג צו דינען אין מיליטער.

אויפ'ן ארט האט מען אים באפרייט.

יענער טאג איז ר' חיים געווען די איינציגסטער איד וואס האט באקומען א באפרייאונג פון די מיליטערישע דינסט.

'הסבא קדישא מראדזימין' ח"ב עמ' תנז

# א פערזענליכער שמועס מיט די א גבאי פון די אמן'ס

**צווישן די חשובע אידן וועלכע האבן די זכיה משמש צו זיין טאג טעגליך אלץ 'גבאי אמן' ציילט זיך הרב שמעון קלעצקין שליט"א פון די שטאט בני ברק.**
**טאג טעגליך וועט ער דינען אלץ גבאי אין די באבובער שול אין די חזון איש גאס אין די שטאט בני ברק.**
**מיר האבן געהאט די זכות זיך צו באגעגענען מיט אים און הערן פון אים ווי אזוי עס גייט צו די עבודת הק' און דער אינהאלט פון דער שמועס טיילן מיר מיט אייך דא.**

**מיט דיין ערלויבעניש לאמיר אנהייבן, מיר ווילן פארשטיין ווי אזוי האט זיך אלעס אנגעהויבן, ווי אזוי געשעט אזא זאך אז א איד זאל באשלוסן אין טאג אז ער וועט זיין אן אמן גבאי און ער איז משקיע אסאך שעה'ן און צייט צו ענטפערן אמן נאך די ברכות פון די מתפללים?**

"ביי מיר קען איך זאגן אז עס איז נישט א זאך וואס האט זיך אנגעהויבן ביי מיר אליין. דער נושא פון מחשיב זיין אן אמן איז עפעס וואס לויפט זיך שוין לאנגע יארן ביי אונז אין די משפחה. מיין טאטע ז"ל האט אייביג גערעדט פון דעם און עס מחשיב געווען אבער אז כ'דארף אנווייזן ווי אזוי איך האב אנגעהויבן עס אפהיטן איז עס צו פארדאנקען מיין עלטערער ברודער רבי גרשון שליט"א וועלכע רעדט אייביג ארום איבער די זכות פון מקפיד זיין אויף די מצוה פון אמן."

•

**עס איז דא אסאך אידן וואס זענען געוואקסן אין שטובער וואו מען האט געהאלטן דעם 'אמן' טייער אבער נישט יעדער האט די קוראזש און די כח אפצוהיטן די מנהג מידי יום ביומו - טיילט אונז מיט פון וואו נעמט איר די כח און די שטופ אנצוזיין מיט דעם?**

"איר פרעגט גוט, אבער עס לאזט זיך זאגן אז די שאלה וועט ווערן שוואכער נאך דעם וואס כ'וועל אייך פארליינען א שטיקל זוהר הק' אין פרשת עקב. דער זוה"ק קאכט דארט ארום איבער די גרויסקייט פון 'אמן' אז ווער עס פארטיפט זיך אין די ווערטער פון זוה"ק האט שוין נישט קיין שאלות פארוואס מען איז זיך מוסר נפש אויף אן אמן.

די זוהר הק' איז אין פרשת עקב. דארטן זאגט דער זוה"ק אז ווען א ברכה וואס מען האט געענטפערט אויף איר אמן גייט ארויף אויבן אין הימל רופט מען אויס אין הימל אז עס איז אנגעקומען א פרישע מתנה פאר'ן קעניג און אז די מתנה איז געשיקט געווארן דורך יענער און יענער.

אז מען וועט זיך פארטיפן אין דעם געדאנק און עס ריכטיג אפלערנען וועט מען זען אז מען רעדט דא פון א מורא'דיגע זאך. נאך אלעם רעדט מען דא פון א קליינינקייט אבער טאקע די קליינינקייט מאכט אן אזא רעש אין הימל, אז עס לוינט נישט צו פארפאסן אזא זאך."

•

**איך שטעלט פאר א מורא'דיגע נקודה אבער לאמיר הערן ווי אזוי עס ארבעט למעשה? איך גייט צו מענטשן און איר בעט זיי אז זיי זאלן אייך מזכה זיין מיט זייערע ברכות, אז איר זאלט קענט ענטפערן אויף איר אמן. צי באגעגנט איר זיך צומאל מיט אינטערעסאנטע רעאקציעס פון מענטשן?**

"דער אמת איז אז עס ארבעט נישט אזוי. איך וועל נישט צוגיין צו מענטשן אין אזא וועג, מיין צוגאנג וועט זיין אנדערש. עס הייבט זיך אן ווען איך זעה אז א איד הייבט אן צו מאכן די ברכת השחר. אין יענע מינוט וועל איך צוגיין צו אים און אים פארשלאגן א גוט געשעפט. ער קוקט מיר אן מיט וואונדער פון וואס א געשעפט רעדט איך דא? און דאן דערציילט איך אים איבער די ווערטער פון זוה"ק וועלכע איך האב דא פריער אראפגעברענגט. רוב מאל ווערט אויפ'ן ארט געשלאסן א שותפות און מען לאזט זיך ארויס אויפ'ן ווענ.

אבער דאס וועל איך נאך דארפן ווען איך בין אין א פרעמדער ארט, אדער ווען עס קומט אריין א פרעמדער איד אין שול. די איבריגע אידן אין שול קענען מיר שוין און ווייסן שוין ווער איך בין און וועלן מיר צופרידנשטעלן מיט מיין מצוה."

•




הרב ר' שמעון קלעצקין ביי די עבודת הק' אין די באבובער שול אין די שטאט בני ברק

**ווי אזוי קענט איר מסביר זיין אז נאך אזויפיל רעדן איבערדעם ווי אזוי קען זיין אז עס איז נאך אלץ דא א זילזול אין די נושא?**

"נו, דאס מיינט דעת בעלי בתים... עס דערמאנט מיר פון דער מענטש וואס האט זיך טועה געווען און זומרק האט ער געזאגט 'ותן טל ומטר' אנשטאט 'ותן ברכה'. ווען ער האט זיך געכאפט און געפרעגט אנדערע וואס ער האט דא צו טון האט מען אים געזאגט אז ער מוז יעצט איבערדאווענען אבער עס איז נישט אים אריין אין קאפ. ער האט נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי ער זאל דארפן איבערדאווענען א גאנצע דאווענען וועגן איין ווארט.

די זעלבע נקודה איז דא ביי די אמנ'ס. ביי מענטשן גייט נישט אריין אין קאפ אז אין קליינע ווארט פון 3 אותיות האט אזא כח. ווען זיי טראכטן פון חשובע זאכן טראכטן זיי פון גרעסערע זאכן אבער אזא קליינינקייט דאס קען נישט זיין - עס גייט זיי נישט אריין אין קאפ.

נאך א שוועריגקייט איז דא דערינען און דאס איז די גרינגקייט מיט וואס מען באגעגנט זיך מיט אן אמן. דער פאקט אז עס ליגט דיר ביי די הענט לאזט זיי נישט אנערקענען אין איר גרויסקייט.

איך דענק אז עס איז צוליב די צוויי סיבות וואס מאכט שווער פאר אידן אנצונעמען די גרויסקייט פון אמן.

אבער קעגן דעם קען מען זיך נישט באקלאגן. די פעולות פון "בני אמונים". מאכן א שטארקער טויש און די שינוי דערקענט זיך מער און מער פון טאג צו טאג.

•

**עס איז דא אסאך אידן וואס קוקן ארויס צו קענען אריינברענגען די חשיבות ביי זייערע קינדער - וואס אן עצה האט איר פאר זיי ווי אזוי זיי קענען אריינברענגען די נושא אין זייערע קינדער?**

"ערשט דארף מען וויסן אז דאס איז ווי יעדע זאך אין חינוך. ווי אייביג דארף די חינוך זיין מיט א זיסקייט, מיט א שמייכל, מיט א געשמאק. אז עס מאכט זיך אז א קינד האט פארפעלט אן אמן מעג מען נישט מאכן פון דעם א גוואלד, אבער די וויכטיגסטע זאך לדעתי איז דער ארויסווייזן ווי שטארק מען שעצט דעם אמן. ווען א קינד זעט אז דער אמן פארנעמט א חשובער ארט ביים טאטן וויל ער עס נאכמאכן.

איך געדענק אז ווען איך בין געווען אין יאר נאך מיין טאטע ז"ל און געדארפט דאווענען פאר'ן עמוד האב איך זיך געזארגט אז כ'וועל פארפעלן אסאך אמנ'ס. האב איך געבעטן מיינע קינדער אז זיי זאלן פארזאגן פאר מיר די ברכות. די קינדער האבן געזען ווי חשוב עס איז ביי מיר און עס איז זיי אריין אין די ביינער.

•

**אלץ איינער וואס איז שוין עוסק אין דעם לאנגע יארן צי האט איר עפעס א שיינע סייעתא דשמיא מעשה וואס איר האט געהאט ביי דעם וואס איר קענט מיטטיילן מיט'ן ציבור?**

"זיכער אזוי, איך בין זוכה צו זען סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט, אבער די עיקר איז די גרויסע זכותים וואס קומען מיר אונטער אן אויפהערן.

לעצטענס האב איך געהאט א זיסע מעשה. עס איז געווען ווען איך האב חתונה געמאכט אן איניקל. ביי די חתונה איז מיין ברודער ישראל אהרן פון די שטאט לעיקוואוד געווען דער בדחן. פונקט ווען עס איז אנגעקומען די צייט ווען איך האב געדארפט צוגיין טאנצן די מצוה טאנץ בין איך פריער ארויס אין בית הכסא און געדארפט מאכן די ברכה אשר יצר.

מיין ברודער וועלענדיג משמח זיין דעם עולם און וויסנדיג פון מיין חשיבות צו ברכה'ס און אמנ'ס האט מיר מכבד געווען אז איך זאל מאכן די ברכה ברבים. איך האב עס געמאכט בפני כל קהל ועדה און צענדליגע אידן האבן געהאט די זכיה צו ענטפערן אמן. עס איז געווען א הייליגע אמן.

# רבי רפאל משה אלבאז
## כ"ב בתמוז תרנ"ו


דער ציון הק' פון רבי יהודה משה אלבאז אין די שטאט צאפרא אין מאראקא

דער צדיק רבי רפאל משה אלבאז איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי שמואל אין יאר תקפ"ד אין די שטאט צאפרו אין מאראקא. דער רוב פון זיין תורה האט ער קונה געווען תורה פון זיינע עלטערן און פון זיין פעטער.

ער האט אסאך געלערנט ביי זיין זיידע רבי יהודה אלבאז און פון זיין פאטער רבי שמואל און פון זיין פעטער רבי עמרם אלבאז און פון רבי עמור אביטבול.

אין די בלויזע עלטער פון 28 יאר האט מען אים שוין מכתיר געווען אלץ דיין אין זיין שטאט.

ווען זיין פעטער רבי עמרם איז נסתלק געווארן איז רבי רפאל משה נתמנה געווען אלץ דער ראב"ד פון די שטאט צאפרא. אין יענע יארן איז זיין נאמען נתפרסם געווארן זייער ווייט, פון ווייטע שטעט איז מען געקומען צו אים, ער זאל מכריע זיין פאר זיי אלע שווערע הלכות און זיך אויך מתייעץ געווען מיט אים בענינים העומדים על הפרק.

זכה רבי רפאל משה אז ער האט איבערגעלאזט נאך זיך א רייכע ירושה פון ספרים אין כמעט אלע מקצועות התורה. צווישן זיי איז דער שו"ת 'הלכה למשה' אויף עניני הלכה, דער ספר 'עדן מקדם' - אויף מדרש וועלכע איז געבויט לויט די סדר א' ב'; דער ספר 'עטרת פז' אויף עניני קבלה; דער ספר 'ארבעה שומרים' - אויף דינים ומוסר.

אזוי אויך איז ער געווען א גרויסער פייטן, ער האט אפגעשריבן אסאך פיוטים און קינות וועלכע זענען זייער בארימט און פארשפרייט ביי די מאראקאנער אידן.

פאר גאנצע פינף און פערציג יאר האט ער געפירט די עדה הקדושה ביד רמה. ער איז נסתלק געווארן כ"ב בתמוז אין יאר תרנ"ו, מען האט אים באערדיגט אין די חלקה פון זיינע עלטערן אין די שטאט צאפרא.

## חובת הזהירות בעניית אמן

דער זוהר הק' (וילך רפה ב) רעדט ארום איבער די גרויסע וואס ווארט אפ בעולם הבא פאר ווער עס איז מזלזל אין ענטפערן אמן. זיי רופן אויף אים דער פסוק אין (איוב ז ט): "כָּלָה עָנָן וַיֵּלַךְ כֵּן יוֹרֵד שְׁאוֹל לֹא יעלה".

אויף די זוה"ק שרייבט רבי רפאל משה אין זיין ספר 'ארבעה שומרים' (שומר הברית תיקון לב) און מיר ציטירן דא זיינע ווערטער:

"ואחד הרואה ואחד השומע [את דברי הזהר], על דבר זה ידוו הדווים, כאשר ידמה האדם חשבון עם נפשו על כמה פעמים ביטל עניית אמן בשאט נפש. ואפילו אותם אמנים שענה, היו בלי כוונה, ובלא דעת נכונה, ואין בהם תבונה. ומה יתבונן אדם חי, בעוד השמש על הארץ, עד אשר לא יבואו ימי הרעה והלוך ילך אל עולם הגמול, ויבוקש הדבר וימצא כתוב על פנקסו, פנים ואחור, שומר אמנים שביטל אין מספר. לכן יפשפש במעשיו ולא ישוב לכסלה, ואלוקינו מרחם".

דאגעגן ווערט געברענגט אז ווער עס איז מקפיד צו ענטפערן אמן כהלכה שרייבט דארט רבי רפאל משה (שם) אז ער איז ממשיך שפע ממקור עליון און איז מתקן די פגם און די קלקול וואס זיינע חטאים האבן גורם געווען.

# אמן - די חתימה פון א ברכה

דער הייליגער מהרש"ל גלייכט צו די ברכה צו א שטר, די ברכה איז א שטר און די אמן איז ווי די חתימה אויף די שטר. אזוי ווי א שטר אן א חתימה האט נישט קיין ווערד, אזוי אויך האט נישט א ברכה די שטארקייט אן די אמן ווייל דער אמן איז די חתימה צו די ברכה ('עמודי שלמה' על הסמ"ג עשה כז).




## טייערע איד!

ווען דו ענטפערסט אמן נאך די ברכות פון די מתפללים ביזטו משלים מיט דעם די 'מאה ברכות'. אן דער אמן איז עס ווי א נישט גע'חתמ'טער שטר. יעצט איז די צייט זיך אונטערצוגארטלען און זיך אנשליסן אין די גרופע פון 'גבאי אמן' וועלכע באשיינען יעדן שול און זוכה זיין צו זען אפענע ישועות און ברכות.

## ווילסט אויך ווערן א גבאי?

זוך אויף א 'נדרים פלוס' מאשין און פול דארט אויס די אפעליקאציע און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר.

די אידן וואס פולן אויס אן אפעליקאציע וועט פארקומען א גורל אויף אן ארגאנאזירטע רייזע מתפלל צו זיין אויף די מקומות הק' מיט די גאנצע משפחה אין א הערליכע און צוגעשטעלטע מיניוועו.

